30 און זיי האָבן אָפּגעזונגען הלל, און זענען אַרויס־
געגאַנגען צום הר הזיתים.
31 דעמאָלט זאָגט ישוע צו זיי: איר אַלע וועט גע־
שטרויכלט ווערן אין מיר אין דער דאָזיקער נאַכט;
וואָרום עס שטייט געשריבן: איך וועל שלאָגן דעם
פּאַסטוך, און די שאָף פֿון דער סטאַדע וועלן צע־
32 שפּרייט ווערן. (זכריהו יג, ז.) נאָר נאָך מיין אויפֿשטיין,
33 וועל איך פֿאָרויסגיין פֿאַר אייך קיין גליל. פּעטרוס
אָבער האָט ענטפֿערנדיק צו אים געזאָגט: אַפֿילו ווען
אַלע וועלן געשטרויכלט ווערן אין דיר, וועל איך
34 מיך קיינמאָל נישט שטרויכלען! האָט ישוע צו אים
געזאָגט: באמת זאָג איך דיר, אַז אין דער דאָזיקער
נאַכט, איידער אַ האָן וועט אַ קריי טאָן, וועסטו
35 מיך דריי מאָל פֿאַרלייקענען! זאָגט פּעטרוס צו אים:
און אויב איך זאָל מוזן שטאַרבן מיט דיר, וועל איך
דיך בשום אופֿן נישט פֿאַרלייקענען! דעסגלייכן
האָבן אויך אַלע תלמידים געזאָגט.
36 דאַן גייט ישוע מיט זיי אויף אַן אָרט, וואָס הייסט
גת־שמני, און זאָגט צו די תלמידים: זעצט זיך דאָ
אַנידער, ביז איך וועל אַהינגיין דאָרטן און תפֿילה־
37 טאָן. און ער האָט מיטגענומען פּעטרוסן און זבדיס
ביידע זין, און האָט אָנגעהויבן צו טרויערן און צו
38 זיין באַטריבט. דעמאָלט זאָגט ער צו זיי: מיין נפש
איז טיף באַטריבט, ביז צום טויט! בלייבט דאָ, און
39 וואַכט מיט מיר! און איז געגאַנגען אַביסל פֿאָרויס,
און איז אַנידערגעפֿאַלן אויף זיין פּנים, האָט תפֿילה־
געטון און געזאָגט: מיין פֿאָטער אויב עס איז
מעגלעך, זאָל אַוועקגיין פֿון מיר דער דאָזיקער
40 בעכער; דאָך נישט ווי איך וויל, נאָר ווי דו! און
ער גייט צו צו די תלמידים, און געפֿינט זיי שלאָפֿן,
און זאָגט צו פּעטרוסן: אַזוי, איר האָט נישט געקענט